# סצענע 7 ב'

## Escena 7 B

## מאָטל אין אין דער שערערײַ

## Motl en la peluquería

מאָטל - ציווקע איז געוערכט... איך וויל אַ כּלה און מײַן אויסזען דאַרף זײַן שענער. איך האָב שוין געקויפֿט נײַע העמדער, שיך, אַפֿילו אונטערוועש און זאָקן. מײַן טאַנץ-לעקציע איז קיין עין הרע, געווען נישט שלעכט. מממ... וואָס נאָך דאַרף איך טאָן ??? אַ, דאָס פֿעלט. איך וועל גיין אין שערערײַ.

מאָריס - מאָטל, וואָס מאַכסטו ? שוין אַ לאַנגע צײַט וואָס מיר זעען דיך נישט דאָ אין שערערײַ.

מאָטל - אַ מאָריס. וואָס מאַכסטו ?

מאָריס - מע שלעפּט זיך מאָטל, מע שלעפּט זיך...

מאָטל - דו זעסט אויס, קיין עין- הרע, זייער גוט, מאָריס. איך בין געקומען זיך שערן די האָר. איך וויל עפּעס... עפּעס אַנדערש, עפּעס מאָדערן.

מאָריס - אַהאַ, עפּעס אַנדערש... עפּעס מאָדערן... איז דאָ עפּעס נײַעס אין דײַן לעבן, מאָטל ?

מאָטל - ניין, ניין מאָריס, איך וויל עפּעס מאָדערן ווײַל עס געפֿעלט מיר נישט מײַן אויסזען. איך וויל אַן ענדערונג.

מאָריס - אַן ענדערונג ??? אויב אַזוי, לאָמיר מאַכן אַן ענדערונג. לאָמיר אָנהייבן מיט פֿאַרבן די האָר...

מאָטל - פֿאַרבן די האָר ??? דו האָסט איבערגעטריבן !!! איך וויל עפּעס מאָדערן. נישט ווערן אַ פּאַיאַץ. ס'איז נאָך נישט פּורים...

מאָריס - לאָמיר טראַכטן. גוט, ערשטנס וועלן מיר דיר וואַשן די האָר. שאַרלין,צוואָג אים אויס די האָר. גוט שאַרלין, איצטער גיב מיר די שער. לאָמיר אָפּשערן די האָר. נאָך דעם, וועלן מיר אָפּשערן די וואָנצעס.שאַרלין, ברענג די ראַזיר- מאַשינקע, אַ קעמל און אַ בערשטל אויך. מיר דאַרפֿן ראַזירן מאָטלען און דערנאָך, אים פֿאַרקאַמען.

| | |
|---|---|
| שאַרלין - | טו אַ קוק אין שפּיגל. |
| מאָטל - | נישט שלעכט. אָבער... עס פֿעלט עפּעס. מממ... |
| שאַרלין - | אַ פּנים מיט אַ באָרד און אָן וואָנצעס, איז נישט מאָדערן, מע קען אים נישט גלעטן. איך מיין אַז מע דאַרף אים ראַזירן די באָרד. |
| מאָטל - | יאָ מאָריס, שאַרלין איז גערעכט, ראַזיר די באָרד ! |
| שאַרלין - | מאָטל, דו זעסט אויס אַזוי שיין... פּונקט ווי טאָם קרוז ! |

## וואָקאַבולאַר Vocabulario

| ייִדיש | Fonética | Español |
|---|---|---|
| שערעריַי .שערהויז | shererai.sherhoiz | peluquería |
| מייַן אויסזען | main oiszen | mi apariencia |
| נייַע הויזן | naye hoizn | nuevos pantalones |
| העמדער | hemder | camisas |
| שיך | shij | zapatos |
| אונטערוועש | untervesh | ropa interior |
| זאָקן | zokn | calcetines |
| קיין עין הרע | kain ein hore | que no haya mal de ojo |
| שוין אַ לאַנגע צייַט | shoin a langue tzait | hace mucho tiempo |
| מע שלעפּט זיך | me shlept zij | ahí vamos (jalando) |
| עפּעס אַנדערש | epes andersh | algo diferente, otrra cosa |
| איך וויל אַן ענדערונג | ij vil an enderung | quiero un cambio |
| די וואָנצעס | di vontses | los bigotes |
| באָרד | bord | barba |
| גלעטן | gletn | acariciar |
| ראַזירן | razirn | rasurar |
| ראַזיר- מאַשינקע | razir mashinke | rasuradora |
| נישט ווייַט | nisht vait | no muy lejos |